ב"ה

# אוצר המועדים

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳

## ראש השנה

שנת תשע"ב

**במדרש: שאלו מלאכי השרת לפני הקב"ה אימתי ראש השנה ואימתי יום כיפור, אמר להם הקב"ה אני ואתם נרד למטה וצ"ב:**

ענטפערט הגה"ק **רבי יהודה אסאד** זי"ע עס איז באקאנט דער כלל פון חכמינו ז"ל **לא אד"ו ראש**, אז ר"ה קען נישט אויסגעפאלן זונטאג, מיטוואך, און פרייטאג.

די גמרא זאגט אויך אז ווען עס איז א דא דין אויף די וועלט איז נישטא קיין דין אויבן אין הימל. און דער סדר בימי חז"ל איז געווען אז בי"ד פלעגט דן זיין דיני תורה מאנטאג און דאנערשטאג, קומט אויס אז מאנטאג און דאנערשטאג ווען עס איז דא דין למטה איז נישטא קיין דין למעלה.

לכאורה איז שווער אז עס קומט נישט אויס קיין טעג ווען עס זאל יא זיין ראש השנה, א׳ ד׳ ו׳ קען עס נישט אויסגעפאלן, ב׳ וה׳ אויך נישט ווייל דעמאלטס איז דא דין למטה ממילא איז נישטא קיין דין למעלה, דינסטאג אויך נישט ווייל דעמאלטס געפאלט יום כיפור דאנערשטאג און עס איז ווייטער נישטא קיין דין למעלה, שבת אויך נישט ווייל דעמאלטס וועט אויסקומען יוכ"פ מאנטאג ווען עס איז ווייטער אין דין למעלה.

דאס האבן די מלאכים געפרעגט דעם אייבערשטן **אימתי ראש השנה ואימתי יום כיפור**, ווייל עס איז פשוט נישטא קיין טעג ווען עס זאל אויספאלן ראש השנה און יום כיפור.

אויף דעם האט דער אייבערשטער געענטפערט **אני ואתם נרד למטה**, אז השי"ת ובית דינו וועלן אויך דן זיין אויף די וועלט, ממילא קען שוין ר"ה אויסגעפאלן ב׳ ג׳ ה׳ און **שבת קודש**, און עס איז נישט שווער די קשיא פון כשיש דין למטה אין דין למעלה, ווייל כביכול איז אויך אויף די וועלט.

### לשנה טובה

דער הייליגער **חוזה פון לובלין** זי"ע האט געזאגט אז דאס וואס אידן וואונטשן זיך אן מיט ליבשאפט ראש השנה **"גוט יום טוב"** און **"לשנה טובה"**, דאס ברענגט אז דער רבש"ע שטעלט זיך אויף פון כסא דין, און ער טראגט ארויף דעם דין זייער הויך, און ער זעצט זיך אויפן כסא רחמים.

דאס זאגט דער פסוק **עלה אלקים בתרועה ה׳ בקול שופר**, **תרועה** איז א לשון פון אחוה ורעות, אז דורך די פריינדשאפט פון אידישע קינדער איינער מיטן צווייטן, ווערט אויפגעהויבן די מדריגה פון **אלקים**, און דעמאלטס ווערט **ה׳ בקול שופר**, די מידות הרחמים וואס איז **הוי"ה** זעצט זיך אראפ און איז משפיע אלעס גוטס פאר אידישע קינדער.

*

**באין מליץ יושר מול מגיד פשע, תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט, וצדקינו במשפט המלך המשפט.**

דער **רבי ז"ל אין ברך משה** (לר"ה יום הזכרון אות כ"ז) איז מפרש דעם פיוט מיט די ווערטער פונעם **חתם סופר** ז"ל אין די דרשות (ר"ה ע"א) אין וועלכן ער טייטשט **זכרינו לחיים מלך חפץ בחיים וכתבינו בספר החיים למענך אלקים חיים**. אז מיר ווילן אז דער אייבערשטער זאל אונז העלפן דורכדעם וואס מיר וועלן געהעריג תשובה טון, און נישט אז דער אייבערשטער זאל זאגן **למעני למעני אעשה**, אז ער איז מוחל פאר די אידן פאר זיין כבוד וועגן. אבער אויב דער אייבערשטער וויל מוחל זיין פאר די אידן וועגן זיין כבוד וועגן שטעלט זיך דער ס"מ ארויס זייער שטארק מיט זיינע קטרוגים, וועגן דעם בעטן מיר אז מיר זאלן זוכה זיין יא צו טון תשובה אין אונזער אייגענעם זכות, אבער כדאי צו פארשפארן די קטרוגים פונעם ס"מ בעטן מיר אז ווען עס ווערט פארשריבן אינעם ספר זאל כביכול שרייבן אז ער איז מוחל למען כבוד שמים, אזוי זאל דער ס"מ נישט קענען מקטרג זיין.

דאס בעטן מיר **זכרינו לחיים** דורכדעם וואס מיר טוען תשובה, אבער ווען עס קומט צו **וכתבינו בספר החיים**, דארט זאל שטיין אז דער אייבערשטער איז מוחל **למענך אלקים חיים**.

דאס זאגט דער פייטן אז באמת טוען אידישע קינדער תשובה אין די טעג און זיי ווערן זייער שטארק נתעורר צו תשובה ותיקון המעשים באימה וביראה, אזוי אז זיי זאלן אליינס אויך זיין ראוי צו א מחילה סליחה וכפרה און א גוט געבענטשט יאר. אבער דאך האט מען מורא פונעם קטרוג פונעם ס"מ, וועגן דעם בעט מען **באין מליץ יושר מול מגיד פשע**, ד.ה. אז מ׳קען נישט פארשטאפן דאס מויל פונעם ס"מ, דעמאלטס **תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט**, זאלסטו זאגן פאר אידישע קינדער אז דאס וואס דו ביסט מוחל איז א **דבר חוק ומשפט** ווי א חק בלי טעם נאר פאר כבוד שמו יתברך, אבער מיר האפן אז באמת **וצדקינו במשפט המלך המשפט**, אז מיר זאלן באמת זוכה זיין צו ווערן בארעכטיגט דערצו בזכות אונזערע תפילות און תשובה.

*

**היום הרת עולם וכו׳ אם כבנים רחמינו כרחם אב על בנים וכו׳:**

**כ"ק רביה"ק זי"ע** זאגט אין **דברי יואל** מפרש צו זיין דעם פיוט לויט די גמרא אין קידושין (דף ל"ו ע"א) די מחלוקה צווישן ר׳ מאיר און ר׳ יודא, וואס ר"י האלט אז נאר אויב אידן פירן זיך אויף ערליך הייסט מען **בנים למקום**, און ר"מ האלט אז אלעמאל האט מען א דין בנים למקום אפילו

אויב מ'פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין.

מיר פסק'ענען איבעראל אז דארט וואו עס איז דא א מחלוקת צווישן ר"מ און ר"י איז די הלכה ווי ר"י. און דער טעם פארוואס די הלכה איז נישט ווי ר"מ איז ווי די גמרא זאגט אין עירובין (דף י"ג ע"ב) אז **גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שאין בדורו של ר"מ כמותו, ולמה לא קבעו הלכה כמותו מפני שלא יכלו חבריו לירד לסוף דעתו.**

לויט דעם קען זיין אז נאר בעוה"ז וואס מ'קען נישט יורד זיין לסוף דעתו איז נישט די הלכה ווי ר"מ, אבער אויבן אין הימל ווי מ'איז אוודאי יורד לסוף דעתו איז יא די הלכה ווי ער. און כביכול פסק'עט טאקע יא ווי ר' מאיר. ממילא קען זיין אז ביי הקב"ה איז אפילו ווען אידן זענען נישט ערליך פסק'עט ער אז מיר האבן א דין בנים למקום.

דאס זאגן מיר אינעם פייט **אם כבנים**, דאס הייסט ווען מיר פירן זיך אויף ערליך האבן מיר א דין בנים למקום, בעטן מיר **רחמינו כרחם אב על בנים**, אז השי"ת זאל אונז דן זיין ווי א טאטע פאר קינדער, אויב ח"ו נישט, איז **עינינו לך תלויות** קוקן מיר ארויס אויף דיר רבש"ע וואס כאטש מיר פסק'ענען ווי ר"י אז אויב מ'איז נישט ערליך האט מען נישט קיין דין **בנים**, אבער ביי דיר רבש"ע פסק'עט דאך יא ווי ר' מאיר, בעטן מיר דיר **שתחנינו ותוציא לאור משפטינו** אז אפילו מיר זענען נישט ערליך זאלן מיר זוכה זיין צו ווערן אנגערופן **בנים למקום.**

**אשרי העם יודעי תרועה ה' באור פניך יהלכון:**

**כ"ק מרן רבינו שליט"א** איז מפרש דעם פסוק לויטן **חיד"א** וואס טייטשט די משנה אין אבות (פ"ג מ"ט) **כל שיראתו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת**, לויט די גמרא אין שבת (קי"ז ע"ב) אז תקיעת שופר ווערט אנגערופן חכמה, און אויב עס איז דא **יראה** פאר **תקיעת שופר**, דעמאלטס איז די פעולה פון תקי"ש מתקיים עכ"ד.

מיט דעם קען מען טייטשן דעם פסוק (עמוס ג' ו') **היתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו**, אז ווי אזוי קען מעגליך זיין אז מ'האלט שוין ביי תקיעת שופר נאך איידער דער ציבור איז נתעורר געווארן צו יראה, ווייל עס דארף דאך זיין יראתו קודמת לחכמתו.

די עצה ווי אזוי זוכה צו זיין צו יראת שמים איז דורך לימוד התורה, ווי די משנה זאגט (אבות פ"ב מ"ה) **אין בור ירא חטא**, קומט אויס אז די תורה ברענגט יראה, און נאר ווער עס לערנט תורה ווייסט ווי אזוי זיך אפצוהיטן און אכטונג געבן פון א עבירה.

דאס זאגט דער פסוק **אשרי העם יודעי תרועה**, וואויל איז די פאלק וואס ווייסן ווי אזוי מ'בעט איבער דעם אייבערשטן דורך תקיעת שופר, ווי אזוי איז מען זוכה דערצו, דורך **ה' באור פניך יהלכון**, אז מ'גייט מיטן אור התורה וואס דאס ברענגט יראת שמים, און א דאנק דעם איז **חכמתם מתקיימת.**

# משל נורא

## דער הייל'יגער ישמח משה זי"ע זאגט א מורא'דיגער משל:

עס איז געווען אמאל א מדינה וואס האט זיך פארזינדיגט פארן מלך, און ער האט גוזר געווען אויף זיי פארשידענע שווערע גזירות, וואס האט זיי זייער וויי געטון, און די מענטשן פון די מדינה האבן זיך געפונען אין זייער א שווערן מצב, און זיי האבן כסדר געטראכט אלע מיני עצות ווי אזוי זיי זאלן קענען מפייס זיין דעם מלך, אבער זיי האבן נישט געקענט.

עס איז געווען צווישן זיי איינער פון די קנעכט פונעם קעניג וואס ער פלעגט זיך דרייען אינעווייניג ביים מלך, און ער האט גוט געקענט דעם מלך'ס נאטור, און ער איז יעצט אויך געווען צווישן די פארטריבענע, האט ער זיי געזאגט "וויסן זאלט איר, איך בין געווען דער שר המשקים ביים מלך, וואס איך ווייס און איך קען זיין נאטור, איך ווייס אז גאלד און זילבער האט ביי איהם נישט קיין שום חשיבות, נאר איין סארט משקה איז דא וואס איז ביי איהם מער ווערט ווי יעדע אוצר און ווי יעדע זאך וואס איז נאר דא אויף די וועלט, און די משקה איז דא נאר אין אייער מדינה, און דער וואס וועט ברענגען פאר איהם די משקה וועט ער נישט צוריק האלטן פון איהם קיין שום בקשה אויף די וועלט וואס ער וועט נאר בעטן"

"דעריבער איז מיין עצה אז איר זאלט זיך אנשטרענגען מיט אלע כוחות צו ברענגען פארן מלך די משקה, און איר זאלט פרובירן צו ברענגען ווי מער פון דעם, לויט ווי גרויס אייערע עבירות זענען געווען, און טאקע דאס אריינלייגן אין שיינע כלים וואס איז דער סדר פונעם קעניג זיך באנוצן מיט אזעלכע כלים. און יעדער זאל אריינלייגן די משקה אין א פלעשל פארזיגלט מיט זיין זיגל, אז דער מלך זאל דערקענען יעדנס משקה און אינאיינעם וועט דאס זיין ביי איהם זייער חשוב. און אויך איך וועל מיטגעבן מיין פלעשל צוזאמען מיט אייך".

"ווען איר וועט ברענגען די משקה פארן קעניג זאלט איר זיך באווייזן פאר אים מיט גרויס חרטה אויף אייער זינד, און איר זאלט בעטן פון אים מחילה מיטן גאנצן הארץ, און איר זאלט אננעמען זיין קעניגרייך און זיין הערשאפט אז פון היינט אן וועט איר אים דינען מיטן גאנצן הארץ, און ער וועט ענק זיכער מוחל זיין און ער וועט ענק אויפנעמען מיט שמחה און מיט גרויס כבוד".

"איך בעט ענק נאר די איינע טובה, אז אויב דער מלך וועט ענק פרעגן פון וואו עטס ווייסט די עצה איבער די משקה וואס ער האט אזוי ליב, זאלט איר זאגן אז עס איז דא איינער פון די נאנטע מענטשן פונעם פלטרין של מלך וואס איז פארשטויסן געווארן צוליב זיין זינד ער האט אונז דערציילט דעם סוד, און ער האט אונז אנגעזאגט דערוועגן, און ער איז אויך פון די וואס האבן זיך אנגעשטרענגט צו ברענגען פון די משקה, נאר ער אליין עקסטער וואס איז דען זיין כח, אבער יעצט ווען ער האט זיך צוזאמען געשטעלט אינאיינעם מיט אונז, האפט ער מיטן כח הרבים זיך צו קענען מיטכאפן מיט אונז אינאיינעם".

זיי האבן טאקע געטון די עצה, און ווען דער מלך האט דאס געהערט האט ער געזאגט אויף דעם שר "זאל ער אויך צוריק קומען מיט פרידן".

דער נמשל פארשטייט זיך אליין, אז די משקה וואס דער באשעפער האט ליב דאס זענען אידישע טרערן וואס דער אייבערשטער האט זייער ליב און ער לייגט דאס אוועק אין זיינע באהאלטענע אוצרות.

# ענין מאה קולות

דער עיקר מצוה פון דעם יו"ט ראש השנה איז מצות **תקיעת שופר**, אזוי ווי דער יו"ט ווערט אנגערופן אין פסוק **"יום תרועה" "זכרון תרועה"**, דעריבער וועלן מיר לערנען דעם סדר פון די תקיעות און די טעמים פארוואס מ'בלאזט אויף דעם סדר.

מדין תורה וואלט מען ווען יוצא געווען די מצוה מיטן הערן איין **תקיעה**, אבער חז"ל דרש'ענען אז עס שטייט 3 מאל אין די תורה **תרועה**, צוויי מאל ביי ראש השנה און איינמאל ביי יום כיפור פון יובל (אין פר' בהר) לערנט מען ארויס איינס פון די צווייטע אז יעדעס מאל דארף מען בלאזן דריי תרועה'ס.

אין פסוק שטייט **'והעברת שופר תרועה'** וואס העברה טייטשט אדורכפירן א גראדע קול, לערנט מען ארויס אז פאר יעדע **תרועה** דארף מען בלאזן א **תקיעה** וואס דאס איז א גראדע קול, און פון דעם פסוק וואס שטייט נאכדעם **'תעבירו שופר בכל ארצכם'** לערנט מען ארויס אז נאך די תרועה דארף מען נאכאמאל בלאזן א תקיעה.

ווייסן מיר שוין אז מן התורה איז מען מחויב צו בלאזן ראש השנה 3 מאל **ת'קיעה ת'רועה ת'קיעה**, וואס דאס איז 9 קולות

וואס מיינט א **תרועה?**

דער תרגום זאגט אז **תרועה** טייטשט יבבא, וואס דאס איז ווי א מענטש וואס קלאגט, חכמינו ז"ל האבן געהאט אין דעם א מחלוקה, טייל האבן געזאגט אז דאס איז ווי א מענטש וואס וויינט שטארק אין ער לאזט ארויס קורצע אפגעהאקטע קולות, און אנדערע האבן געהאלטן אז דאס זענען ווי מענטשן וואס האבן יסורים ר"ל און זיי קרעכצן פון ווייטאג לענגערע קרעכצן. טייל האבן געהאלטן אז יבבא מיינט ביידע אינאיינעם ווייל א קראנקער מענטש קרעכצט קודם לענגערע קרעכצן, און דערנאך צעוויינט ער זיך שטארק קורצע אפגעהאקטע קולות.

כדי יוצא צו זיין אלע ספיקות האט מען מתקן געווען אז מען בלאזט לויט אלע 3 שיטות, קודם בלאזט מען **תקיעה** (אלס והעברת) **שברים-תרועה** (לויט די דעה אז יבבא מיינט ביידע סארט יבבות שטאטע און קורצע) תקיעה (אלס תעבירו שופר).

דערנאך בלאזט מען **ת'קיעה ש'ברים ת'קיעה**, כדי יוצא צו זיין די דעה אז יבבא איז נאר לאנגע קרעכצן, און לויט זיי איז דאך געווען א הפסק מיט דעם וואס מען האט פאר די צווייטע תקיעה איבערגעהאקט מיט א תרועה.

דערנאך בלאזט מען **ת'קיעה ת'רועה ת'קיעה**, כדי יוצא צו זיין די דעה אז יבבא איז א געוויין מיט קורצע אפגעהאקטע קולות און לויט זיי איז דאך געווען א הפסק מיט דעם וואס מען האט פאר די תרועה איבערגעהאקט מיט א שברים.

וויבאלד אין די תורה שטייט דאך 3 מאל **תרועה** ווי פריער דערמאנט, בלאזט מען דאס איבער דריי מאל נאכאנאנד, אזוי קומט אויס אז ביי תקיעת שופר (תקיעות דמיושב) בלאזט מען 30 קולות.

די הייליגע חכמים האבן אבער מתקן געווען אז די תקיעות זאל מען בלאזן ביי מוסף (תקיעות דמעומד) צוטיילט צווישן די פסוקים פון מלכיות זכרונות שופרות, צווישן יעדע איינע איין **"תרועה"** פון די תורה ד.ה. 10 קולות. און דאס וואס מען בלאזט די תקיעות דמיושב נאך פאר מוסף, איז כדי צו פארמישן דעם שטן, אז ער זאל נישט קענען מקטרג זיין.

קומט אויס אז ביי די שטילע שמונה עשרה פון מוסף בלאזט מען סך הכל דרייסיג קולות, אזוי אויך ביי די הויכע שמונה עשרה בלאזט מען נאך דרייסיג קולות, האלט מען שוין ביי 90 קולות.

ביים סוף דאווענען, ביי קדיש, בלאזט מען נאך 10 קולות, כדי צו פארמישן דעם שטן, ער זאל נישט מקטרג זיין אז די אידן גייען אהיים עסן די סעודה און זיי פארכטן זיך נישט פונעם יום הדין. אינאיינעם בלאזט מען 100 קולות.

# ענינים וטעמים

## על מנהגי ראש השנה וימים נוראים מלוקט מפי ספרים וסופרים

**ראש השנה עסט מען "סימנים":**

די גמרא זאגט (כריתות ו' ע"א) אז ווען מען מאכט סימנים צייגט דאס אז עס וועט באמת אזוי פאסירן, דעריבער זאל מען מאכן אנהויב יאר סימנים, וואס ווייזט אז מען וועט געבענטשט ווערן מיט א גוט געבענטשט יאר, דעריבער זאלן מען עסן קרא, רוביא, כרתי, סילקא, תמרי.

**מען עסט עפל איינגעטונקען אין האניג:**

א) ווייל די שכינה הק' ווערט אנגערופן תפוח, ווי דער פסוק זאגט כתפוח בעצי היער כן דודי בין הבנים, אזוי ווי דאס שיינקייט פון דעם עפל בוים ווען ער איז צווישן וואלד ביימער אזוי איז השי"ת צווישן די אלע עבודה זרות, און אידישע קינדער זענען דאך אלע באהאפטן אין השי"ת ווי דער פסוק זאגט ואתם הדבקים בה' אלקיכם, און וויבאלד האניג קלעפט בדרך הטבע, טונקען מיר איין דעם עפל אין האניג מרמז צו זיין אז מיר זענען באהאפטן צו השי"ת (ליקוטי תורה מהמגיד מטשערנאבל זי"ע).

ב) דער אמרי נועם זאגט אז אין בית המקדש פלעגט דער מזבח זיין אויפגעהויפענט מיט אש אינעם פארעם פון אן עפל, אין יוצר ווערט דאס אנגערופן שה עקידה, וואס דאס איז בגימטריא תפוח, דעריבער עסט מען א תפוח ר"ה ביינאכט, כדי צו דערמאנען דעם זכות פון די עקידה.

ג) דער רבי בעל דברי יואל זי"ע זאגט א טעם ווייל די גמרא זאגט אז אידישע קינדער זענען גליך צו עפל וואס איז אנדערש ווי אנדערע פירות, וואס די פרי וואקסט פארן בלעטל, אזוי אויך אידן האבן געזאגט נעשה פאר נשמע, מילא ווילן מיר דערמיט מעורר רחמים זיין ביי השי"ת אז דער אייבערשטער זאל אונז אויך געבן מדה כנגד מדה נאך איידער מיר בעטן פון אים (דברי יואל ר"ה אות כ"ח).

**ראש השנה עסט מען נישט קיין ניס:**

א) ווייל ניס פארמערט שפייעכטס אין מויל, און שטערט דאס דאווענען, דעריבער אין די טעג ווען מען דאווענט מער ווי א גאנץ יאר, און מען דארף דאווענען מיט מער כונה ווי א גאנץ יאר, זאל מען דאס נישט עסן (רמ"א סי' תקפ"ג ס"ב)

ב) אגו"ז איז בגי' חט"א, און אין די טעג איז מען שטארק נזהר נישט צו דערמאנען קיין רמז פון קיין שום זינד (חתם סופר)

ג) דער פסוק ואף ג"ם ז'את בהיותם בארץ אויביהם, איז ר"ת אגו"ז, און כדי נישט צו דערמאנען אין די טעג עפעס וואס דערמאנט דעם גלות עסט מען דאס נישט אין די טעג (חתם סופר)

# אוצר רבותינו

## לקונה עבדיו ביום דין

דער הייליגער **קדושת לוי זי"ע פון בארדיטשוב** האט איינמאל **ראש השנה** ביים דאווענען געמאכט אן עלית נשמה, און ווען ער איז צוריק געקומען האט ער אויסגערופן **"לקונה עבדיו ביום דין, לרחם עמו בדין!"** און ער האט דערציילט וואס ער האט געזעהן אויבן אין הימל.

ער האט געזעהן דאס פלאץ וואו מ'משפט די אידישע קינדער און דער שטן איז געווען שטארק פארנומען, מיט אלע זיינע מלאכים זענען געווען פארפארעט ארומצולויפן און ברענגען בערג אויף בערג מיט עבירות פון אידן.

דער קדושת לוי זעהט און ער וויל מלמד זכות זיין אויף אידישע קינדער אבער ער האט נישט קיינעם צו זיין האנט קעגן די שרעקליכע קטגורים וואס האבן זיך צוזאמען גענומען קעגן אידן.

אינמיטן באמערקט ער איין טיר אפן צום גן עדן ווי די הייליגע אבות הק' געפונען זיך, פון די אנדערע זייט איז אפן דער טיר צום גהנם, און ער זעהט דעם ברענעדיגן פייער. ער האט געזעהן אז עס איז א שאד צו פארפאסן די צייט, ווען די מקטריגים זענען געווען פארנומען צו ברענגען נאך זעק מיט עבירות האט ער גענומען א כאפ איין פעקל מיט נאך א פעקל מיט עבירות און ער האט דאס אריינגעשליידערט אין גהנם און עס איז פארברענט געווארן.

ווען דער שטן איז אנגעקומען צוריק און ער זעהט ווי זיין מיה און פלאג איז פארברענט געווארן האט ער אנגעהויבן צו שרייען מיט קולי קולות.

זעהנדיג דעם קדושת לוי האט ער באלד פארשטאנען אז ער האט דאס געטון, האט ער אים געכאפט און געשלעפט צום בי"ד של מעלה, און ער האט גע'טענה'ט אז ער זאל באצאלן די גניבה, דער בארדיטשובער רב האט אבער גע'טענה'ט אז ער האט נישט צו באצאלן, האט דער בי"ד של מעלה גע'פסק'נט "אם אין לו ונמכר בגנבתו", און מ'גייט פארקויפן דעם בארדיטשובער רב פאר א קנעכט.

ווען מ'האט דאס געהערט אין הימל איז געווארן א גרויסער רעש, די אבות ואמהות זענען אלע געקומען צו גיין יעדער האט אים געוואלט אפקויפן, און דער ס"מ האט כסדר ארויפגעצויגן דעם פרייז, ווייל ער האט אים געוואלט אפקויפן. ביז ווען הקב"ה כביכול בכבודו ובעצמו האט אויסגערופן "לי הארץ ומלואה", און איך קויף אים אפ! **לקונה עבדיו ביום דין!**

# אוצר הידיעות

## זה היום תחילת מעשיך

**דער ר"ן אין מס' ראש השנה ברענגט בשם דעם פסיקתא א טעם פארוואס דער רבש"ע האט באשטימט פונקט ר"ה פארן יום הדין.**

**ווייל לויט שיטת ר' אליעזר איז די וועלט באשאפן געווארן כ"ה אלול, קומט אויס אז אדם הראשון איז באשאפן געווארן ראש השנה דעם זעקסטן טאג. דאס זאגן מיר ביים דאווענען ר"ה זה היום תחילת מעשיך, דאס איז געווען דער ערשטער טאג וואס דער אייבערשטער האט באשאפן א מענטש אויף די וועלט.**

**זאגט דער ר"ן ווי אזוי די בריאת האדם איז געווען:**

**די ערשטע שעה איז געווען עלה במחשבה צו באשאפן דעם מענטש. די צווייטע שעה האט זיך השי"ת באראטן מיט די מלאכים צי ער זאל אים באשאפן. די דריטע שעה האט דער אייבערשטער צוזאמען גענומען די ערד פון וואס ער האט אים באשאפן. די פערטע שעה האט דער אייבערשטער געקנעטן די ערד אזוי ווי מ'קנעט א טייג. די פינפטע שעה האט דער אייבערשטער אים אויסגעפארעמט. די זעקסטע שעה האט דער אייבערשטער פארטיג געמאכט זיין גוף. די זיבעטע שעה האט דער אייבערשטער אריינגעבלאזן אין אים א נשמה. די אכטע שעה האט דער אייבערשטער אים אריינגעפירט אין גן עדן. די ניינטע שעה האט דער אייבערשטער אים באפוילן נישט צו עסן פונעם עץ הדעת. די צענטע שעה האט ער שוין געזינדיגט און געגעסן פונעם עץ הדעת. די עלפטע שעה האט דער אייבערשטער אים גע'משפט אז ער זאל שטארבן, די צוועלפטע שעה האט דער אייבערשטער פארלייכטערט זיך משפט אז ער זאל בלייבן לעבן, און ער איז ארויס זכאי בדין.**

**האט דער אייבערשטער געזאגט פאר אדם הראשון דאס איז א סימן צו דיינע קינדער, אז אזוי ווי דו ביסט פאר מיר געשטאנען אין דעם טאג צום משפט און איך האב מיט דיר געטון א חסד, אזוי וועט יעדעס יאר זיין א יום הדין אין דעם טאג, און איך וועל דן זיין אידישע קינדער מיט רחמנות.**